# הושענא רבה תשכ"ו

**ס'איז** ידוע דער טאג הייסט הו"ר, פארוואס דארף מען זאגן דאס דאפעלט לשון, הושענא למענך אלקינו דערנאך זאגט מען נאכאמאל הושענא, ס'איז די זעלבע דיבורים, ס'מוז זיין נאך א כוונה למעלה, המרבה דברים בתפלה וכו', דאפעלטע לשונות דארף מען נישט צו זאגן אין א תפלה אזוי שטייט דאך, אז מ'זאגט הושענא למענך אלקינו ליגט דאך שוין די זעלבע, פארוואס זאגט מען נאכאמאל הושענא.

**נאר** ס'איז דאך שוין ידוע איך זאג דאס אלטע, ההולך בדרכי אבות מזכירין לו זכות אבות, ס'איז געווען דער דרך, דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגען יעדעס יאר דאס משל פונעם זיידען ז"ל, פארוואס מ'זאגט הושענא רבא למענך אלקינו, ער פלעגט זאגן דאס משל א מלך קומט אין א מדינה, און די כרוזים גייען מ'רופט אויס דער מלך קומט אין די מדינה, ס'איז צייט מ'זאל זיך אויסבעטען, מ'קאן בעטען מ'זאל מוחל זיין אויב מ'האט עפעס פוגם געווען, מ'דארף פארלאנגען אויף ווייטער, ווער ס'איז א בר שכל גייט אקעגן דעם מלך, נאך איידער ער קומט אין שטאט אריין, איינער פארשטייט דאס נישט, אבער ווען די כרוזים זאגן אז דער מלך איז שוין דא, ווער גייט נישט צו זיך בעטען, אז איינער אבער פארשפעטיגט און פארנאכלעסיגט די גאנצע צייט ווען דער מלך איז אין שטאט, ער גייט נישט צו, אבער ווען ס'קומט דעם לעצטען טאג,

KolSatmar.com

די כרוזים גייען דער מלך גיזעגענט זיך שוין פון די שטאט, ווער גייט נישט זיך בעטען דעמאלטץ עכ"פ דעם לעצטען טאג.

**דאס** נמשל פארשטייט מען דאך, פון ר"ח אלול אָן רופט מען אויס, מ'בלאזט שופר, ס'קומט די ימי התשרי, ר"ה עשי"ת און איבערהויפט יום הקדוש, און סוכות, ס'איז אלעס אזעלכע טעג וואס איז געשטעלט אויף דעם, א צייט וואס איז מסוגל אז מ'זאל מתקן זיין וואס מ'האט פוגם געווען, מ'קען זיך אויסבעטען ביים באשעפער פאר זיך און פארן כלל ישראל, נאר אז מ'פארשלאפט די צייט, ס'גייט דורך ר"ה עשי"ת יו"כ און סוכות, אז מ'דערזעהט זיך שוין אין הושענא רבא, ס'איז דער לעצטער טאג, דער גמר החתימה, ווער ווערט נישט נתעורר אז ער זאל צו גיין בעטען, אם לא עכשיו אימתי, נאר אבער מיט גרויס בושה קומט מען צו ס'איז דאך קשה א הארבע קשיא, אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית לגבאי, ווי ביסטו געווען ביז היצטערט, נאר אז מ'קומט אויף אייגענע אינטערעסע קען מען פרעגען קשיות, אז מ'קומט אריין אז איך קום אין אינטערעסע פונעם מלך, אז מ'וויל זיך בעטען אין אינטערעסע פונעם מלך אויף דעם איז נישט דא קיין צייט, מעג זיין די לעצטע צייט לאזט מען אלץ צו, איבערדעם אז ס'קומט הושענא רבא בעט מען זיך למענך אלקינו, מורי ורבותי דאס איז געווען אין די פריערדיגע צייטען אין פריערדיגע יארן, אז ס'איז געקומען די הייליגע טעג, ס'איז געווען התעוררות אין דעם לעצטען טאג הושענא רבא, אבער בעוה"ר, ס'שטייט אין ישמח משה אשמנו מכל דור, וואס עפעס מכל דור, נאר ווי א דור שפעטער איז מען מער פארשעמט, ס'דורך געגאנגען נאך א דור און נאך א דור, און נאך א יאר, און דאס שפלות איז אלץ וואס אמאל גרעסער, מ'איז דארט ווי מ'איז געווען, איז דער אשם גרעסער.

KolSatmar.com

**איך** האב אין זין געהאט ס'שטייט אין די וואכעדיגע סדרה, אין וזאת הברכה, אין כא-ל ישורון רכב שמים בעזרך ובגאותו שחקים. מענה אלקי קדם וגו' ויגרש מפניך אויב ויאמר השמד, לכאורה וואס איז דער טייטש אין כא-ל ישורון, זאגט רש"י זייער אפגאט איז נישט אזוי, כי לא כצורינו צורם, קיינער איז נישט אזא באשעפער ווי דער בוכ"ע, רכב שמים בעזרך ער איז אויבען בשמים, ווי א גבור למעלה און נישט למטה, מ'איז פון אויבען שטארקער, מעונה אלקי קדם דער בוכ"ע איז געווען דער ערשטער, ויאמר השמד, לכאו' איז דאך א הפלא ופלא, ער זאגט די אלע זייערע אפגעטער זענען נישט אזוי ווי דער באשעפער, איז דאך משמע חלילה אז עפעס יא, אז מ'זאגט ס'איז נישט אזוי ווי דאס, די גמרא זאגט (שבת דף נ"ו) ווייל ער איז נישט געווען כלבב דוד, איז ער נאר נישט געווען אזוי דוד, אז מ'זאגט ס'נישט אזוי ווי דאס ס'איז א חילוק, קען מען גאר א חילוק מאכען יענס איז דאך אלילים אלמים, ס'איז דאך אלעס גארנישט הבל ותוהו, דער בוכ"ע איז דאך א כל יכול אלעס, ווי קען מען גאר זאגן אז ס'נישט אזוי ווי דאס, ס'איז גארנישט אין דעם גדר אין דעם סוג, זאגט ער קדם, ער איז געווען דער ערשטער, וואס הייסט דער ערשטער, אז ס'איז דא דער ערשטער מוז דאך זיין עפעס א צווייטער, ווי מ'זאגט ראשון איז דא א שני, ווי קען מען זאגן א שייכות ביים בוכ"ע.

**נאר** זעהט אויס אזוי, דער אמת האט מען געגעבען א גרויסען כח פאר די סטרא אחרא, אזוי ווי די גמרא (ע"ז דף נ"ה) זאגט אז ביי ע"ז, זיי קומען בלינד אין גייען אוועק זעענדיג וכדומה, מ'לאזט דאס צו ווייל הבא לטמא פותחין לו, דער בוכ"ע האט געגעבען א כח פאר די סטרא אחרא, די גמרא זאגט אין תמיד (דף ל"ב) מ'האט געפרעגט פארוואס זיי זענען מצליח, האט ער געענטפערט שטנא נצח, וואס האט ער אים דא געענטפערט שטנא נצח, די קשיא איז דאך ווייטער קשה פארוואס טאקע, פארוואס לאזט מען אים מנצח זיין,

KolSatmar.com

נאר דער אמת ס'איז אן עולם הנסיון, ובא אליך האות והמופת כי מנסה ה' אלקיכם אתכם, ס'איז א עולם הנסיון לאזט מען זיי שטארק זיין, קען מען דאך טאקע קלערען באמת האט דער בוכ"ע געגעבען דעם כח, ווער האט דען געגעבען כח פאר די סטרא אחרא, ס'איז נישט דא קיין שתי רשויות, איז דאך אויך כביכול דער בורא עולם, אז מ'קוקט אן די גרויסע הסתרה ווי שטארק יענער כח איז און ווי שוואך איז דער כח הקדושה, אז מ'קוקט זיך אסאך מאל אן מיינט מען חלילה מ'איז פארפאלען, קאן מען דאך קלערען אז דער בוכ"ע האט געגעבען אזא שטארקען כח, קען זיין די עוונות האבן דאס גורם געווען, אז מ'איז געבליבען אזוי שוואך, דער אמת איז דאס אבער א טעות, דער בוכ"ע האט טאקע געגעבען א כח, נאר אז מ'זאל זיך צאמנעמען מיט די איצטיגע כוחות וואס מ'האט, העלפט דער אייבירשטער אז מ'איז שטארקער, מ'פירט דורך אלסדינג, מ'דארף זיך נאר צאמנעמען די כוחות.

**איבערדעם** זאגט דער פסוק, אין כא-ל ישורון, זאלסט נישט מיינען דער בוכ"ע האט זיי געגעבן שטארקער ווי דער כח הקדושה, ניין, נאר וואזשע דען, איך פלעג צו טייטשען, ער רעכנט אויס (סוף סוטה) ווי אזוי דאס דור זעהט אויס, ער לאזט אויס צום סוף אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, לכאורה וואס איז דער פשט, אפי' ס'געווען א גוט דור האט מען זיך דען אויף א אנדערען פארלאזט, זייער כח איז דאך אויך געווען אבינו שבשמים, נאר וואזשע דען, עס שטייט אברהם אבינו האט געזאגט אלקי השמים און דערנאך אלקי הארץ, פריער איז נאר געווען אלקי השמים, מ'האט נישט געזעהן אויף די ערד אברהם אבינו האט מפרסם געווען כבודו יתברך בארץ, קען זיין אזוי ארום זאגט ער, ווען דאס דור **איז אזוי שפל, האט גורם געווען די עוונות** די הסתרת פנים, **אבער דער אמת הקב"ה האט נישט מסלק** געווען די השגחה, **נאר די השגחה איז געבליבען בשמים, אינטען**

KolSatmar.com

זעהט מען נישט, **אויבען בשמים איז די השגחה ווייטער,** איבערדעם איז אין לנו על מי להשען אלא על אבינו "שבשמים" פריער איז געווען אבינו בארץ, מיט דעם זאג איך אלץ דוד המלך האט מתרעם געווען, למה יאמרו הגוים אז די גוים פרעגען איה נא אלקיהם, אבער ס'איז נאך נישט געווען דאס ארגסטע, אז גוים האבן געפרעגט, בעוה"ר היינט פרעגן יודן, יודן פרעגן איה נא אלקיהם ווי איז די השגחה פאר די יודן וואס זענען עובדי ה', מ'זאל געבען פתחון פה למיחלים לך.

**מורי ורבותי!** ס'איז טאקע א גרויסע הסתרת פנים, דעסטוועגען דארף מען צו וויסען, אז רכב "שמים" בעזרך, **אבער אין הימעל קוקט מען ארויס מ'זאל עפעס זעהן פון יודישע קינדער, אז מ'וואלט געוויסט ווי חשוב ס'איז אויבען אז יודן קומען זיך צונעזאם אין אזא הייליגען טאג,** און מ'בעהט זיך ביים **באשעפער, מ'פארגיסט טרערן פארן בוכ"ע, אז מ'העט געוויסט ווי חשוב דאס איז אויבען, וואלט מען עס אוודאי נישט אוועקגעלאזט מיט גארנישט,** לאמיר נישט אוועקלאזען דעם טאג אויך מיט גארנישט, אם לא עכשיו אימתי.

**איבערדעם** זאגט ער מעונה אלקי קדם, מ'זאל קוקן וואס פריער איז געווען, אני ה' לא שניתי, ס'איז געווען אמאל השגחה גלויה, האט מען געזעהן דעם כח פון יודישע תפלות ותחנונים, האט מען געזעהן, פון וואס איז געווארן א השתנות, דאס השתנות איז פון אונז אויס, דאס דור, איבערדעם זאגט מען דאס איז געווען פריער, מ'זאל גיין אין דרך פון די פריערדיגע.

**והנה** ק"ז היש"מ זכרונו לברכה פירוש אויף די צוויי שטיקלעך פייט (מוסף יום א' דר"ה בפייט אף אורח משפטיך) שופר תרועה טרם שמענוך גזירה חקת מיצירת בראשית, ראש דבריך תשובה להשית, ווידעראים האט ער נאך א שטיקעל (בפייט אמץ

KolSatmar.com

אדירי) קוראי בגרון וקול שופר אם עוונות בדין יסופר במתנת חנם היום יכופר, שמועסט ער דארטן באריכות, זאגט ער לעולם, ער ברענגט עס נישט דארטן פון עיקרים ער שמועסט דערפון אסאך, דער עונש וואלט געדארפט צו זיין לפי ערך הנעלב, מ'האט פוגם געווען אין בוכ"ע, נישט לפי ערך העולב, אזוי ביי שכר און ביי עונש, ס'איז א חסד הבורא ווען מ'זאל טון לפי ערך הנעלב האט עס קיין סוף נישט, זאגט דער ישמח משה אז מ'זאל טון לפי ערך הנעלב קען מען נישט ציילען קיין חטאים, ווארן יעדער חטא איז דאך אין סוף, ביי אן אין סוף קען מען נישט מאכען קיין חשבונות, ווי קען מען גיין ווייטער פון א אין סוף, איבערדעם זאגט ער, אם פשעים בדין יסופר, אז מ'ציילט עס. מוז דאך זיין בדין אז מ'זאל ציילען, א נישט קען מען דאך נישט ציילען, אז ס'עט זיין לפי ערך הנעלב, ער שמועסט דארט באריכות אין דעם.

**האב** איך גערעכנט קען זיין, דאס איז דער פשט אפשר אין דעם מדרש, וואס זיי האבן אלע צו טון, לעולם טאקע, אז מ'האט פוגם געווען קעגען בורא כל עולמים איז נאר דא א עונש נאר לפי ערך העולב, קען זיין פשוט דאס גאנצע וואס נוצט תשובה, ביי די אומות העולם נוצט דאך נישט קיין תשובה, ווייל נאר אב שמחל על כבודו כבודו מחל, ביי אן עבד איז רב שמחל על כבודו אין כבודו מחל, פארדעם נוצט ביי יודן תשובה, אזוי זאגן זיי דאך, דער בני יששכר פירט מיט דעם אז ביי סוכה איז מצות צדקה, סוכה ווייזט דאך אז בנים למקום, ביים ענני כבוד איז מען משתמש בשרביטו של מלך, ס'איז נאר א שרביטו של אביו, פון סוכה איז געדרינגען אז יודן זענען בנים למקום עיי"ש, האב איך גערעכנט דאס איז דער פשט אפשר אין מדרש, תקעו בחודש שופר בכסא, זאגט דער מדרש בחודש שופר בכסא, אין דעם חודש וואס איז דא סוכות, בכסא זאגט ער איז לשון סוכה, אזוי שטייט אין ילקוט, וואס וויל ער עפעס מיט סוכה, נאר מחילת עוונות מוז דאך זיין מיט תשובה, מוז מען דאך

KolSatmar.com

זיין בנים למקום, דאס איז הערשט געדרינגען פון מצות סוכה, ווי אזוי ווייסט מען דאס פריער נאך אין ר"ה, ווייל דער בוכ"ע איז דאך אונז דן לטובה אלעס איז ע"ש העתיד.

**איבערדעם** איז רעכט, וואס ס'שטייט ביי סוכה וכי ראשון הוא אלא ראשון לחשבון עוונות, ווען ס'איז נישט דער טעם אז מ'הייסט בנים למקום איז נישט דא קיין מחילה, דער פגם איז דאך ביים בוכ"ע לפי ערך הנעלב, נאר הקב"ה איז מוחל זיין כבוד, בלייבט נאר וואס מ'האט זיך אליין געטיען, דאס אליין איז א פגם, מ'האט אין זיך פוגם געווען, מ'האט פוגם געווען אין נפשו רוחו ונשמתו, מוז מיר אויסקומען צו די מחילה, מוז איך זאגן הקב"ה איז מוחל ער משפט נישט לפי ערך הנעלב, ממילא אז הקב"ה איז מוחל דורך בנים למקום און דאס איז געדרינגען פון סוכות, קען זיין א "חשבון" עוונות, אז נישט קען נישט זיין קיין חשבון, ווארן איין עון אליין איז דאך עד אין סוף, אז מ'דארף שוין א חשבון, איז שוין דא די מידות מעביר ראשון און חשבונות, ער איז מצרף אויף שפעטער און כדומה וכדומה, יבואו אלו ויאגדו עם אלו, דאס איז אלץ ווייל ס'דא חשבונות, דאס איז נאר אז מ'איז בנים למקום, פארדעם סוכות איז ראשון "לחשבון" עוונות, פריער קען נישט זיין קיין חשבון אן סוכות, פארדעם דער לעצטער טאג פון סוכות דאס איז דער זמן פון מחילת עוונות אין הושענא רבא, קאן פאראכטען ווערען וואס מ'האט פוגם געווען קעגען בוכ"ע, און הקב"ה איז מוחל אויף וואס מ'האט פוגם געווען אויף זיך אליין, איבערדעם איז דא די צוויי הושענות, למענך אלקינו וואס מ'האט פוגם געווען, און ווידערים הושענא נאכאמאל.

**איך** פלעג צו זאגן דאס אסאך מאל, דער בוכ"ע האט געזאגט נקום נקמת בני ישראל, און משה רבינו האט געזאגט לתת נקמת ה', דער בוכ"ע וויל זיך אן נעמען נקמת ישראל, ער וויל העלפן יודן,

KolSatmar.com

משה רבינו האט משנה געווען, אז אפילו ווען יודן זענען נישט ראוי, נאר פאר השי"ת ס'זאל זיין נקמת ה', אויף דעם קען דאך נישט זיין קיין קטרוג, אזוי אז ס'קומט אראפ די ישועה, ממילא איז התגברות החסד והרחמים, דערנאך קען שוין זיין נקמת ישראל אויכעט, איז דאס צוויי מאל, דאס ערשטע איז למענך אלקינו, און דערנאך דעם איז הושענא.

**מורי ורבותי!** כ'האב שוין דאס אסאך מאל געזאגט דעם פשט אין די גמרא (סוף סוטה) אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, פריער האט מען זיך סומך געווען אויף זכותים, היצט איז אן אנדער דור, ביי אן אנדער דור אז מ'איז געקומען אין די הייליגע טעג, ווען מ'איז געקומען מיט רחמים ותחנונים פאר הקב"ה האט מען געהאט מליצים ופרקליטים, וואס זענען די מליצים טובים, די מלאכים וואס ווערן באשאפן פון די מצוות ומעשים טובים, בעוה"ר ווי שוואך איז דער כח, אז בעוה"ר עס זענען דא די אלע מחבלים כרמים, זיי ווערן באשאפן פון יודישע עוונות, אונז האב מער נאר די איינע זאך, אז מ'זאל בעטען פארן כבוד שמים, אלע אינאיינעם קל כביר לא ימאס.

**קען** זיין דאס זאגט מען (בפייט אפחד במעשי אירא) ביום הדין בבואי לזכרון, אמאל איז געווען דאס וואס איז מנהג אזוי פון די עלטערען, אז מ'האט זיך געשטעלט זאגן הושענא רבא, האט מען געקענט זאגן, מ'האט מעורר געווען יודישע קינדער אין די הערצער, מ'האט געהאט א כח קדושה מיט מצוות ומעשים טובים, מורי ורבותי איך האב נישט מיט וואס צו קומען, נאר איך בין געקומען דערמאנען, איך קום נאר דערמאנען מ'זאל וויסען ווי מ'האלט מער, מ'האב מער זיך נישט אויף ווענען צו פארלאזען נאר אויפן בוכ"ע, לאמיר נישט שווייגען,

KolSatmar.com

מ'זאל זיך אויסבעטען און אויסוויינען די הערצער פארן לעבעדיגן באשעפער, אזוי ווי עס גייט אן היינט אזא הייליגע טאג, חלילה וחלילה לאמיר נישט אוועק בבושה ובחרפה פון דעם טאג.

**דער** ישמח משה שטעלט זיך, עס שטייט ביי שופר דעמאלטץ גייט ער ארויס פון כסא דין, ער גייט ארויס פון דין אויף רחמים, אזוי זאגט דאך דער מדרש ביי מצות שופר, פון ווי נעמט זיך דאס אז אזוי פיל יארן איז געווען וואס בעוה"ר ס'געווען אזא כתיבה וחתימה שחורה ונוראה, מ'דארף זיך בארעכענען די אלע יארן וואס יודן האבן מיטגעמאכט, מ'האט דאך דארט אויך געבלאזן שופר, מ'האט דאך געטיען אזוי אלע יארן, אויף דעם זאגט דער ישמח משה אלא מאי מוז זיין, אלעס איז אמת, די שופר איז גוט און ס'איז כשר אבער ס'פעלט אויס דערצו תשובה, אן תשובה פעלט די אלע זאכען לאמיר זיך בארעכענען, מ'איז א דורך געגאנגען די הייליגע טעג, מ'האט געבלאזען שופר אים ראש השנה, מ'האב מער געהאט עשרת ימי תשובה, מ'האב מיר געהאט דעם הייליגען טאג, מיט אלע תפלות ותחנונים, מיט די וידוים, מ'האט געזאגט די עבודה, אויף דעם אלעם האט אויסגעפעלט תשובה, דאס קען מען נאך דערזעצען היינט דעם לעצטען טאג, דאס קאן מען נאך דערזעצען עד לא השער סגרו, איידער מ'פארשליסט די טויערען, דער אמת איז, אז מען דערזעהט זיך אין אזא טאג, אז מ'קומט זיך צונעזאם יודן מיט יודן אין די בתי מדרשים, העט מען נישט געדארפט אפ צו טרערן מיט גארנישט, אויף דעם זעמער מתפלל היינט.

## הושענא למענך אלקינו הושענא

**בוראינו,** לכאורה דער בוכ"ע האט דאך באשאפן פריער, בוראינו איז לשון הוה, דער בוכ"ע באשאפט כסדר, חדשים לבקרים רבה אמונתך, יעדען צופרי שטייט מען אויף אזוי ווי א

KolSatmar.com

פרישע בריאה, מ'מאכט די אלע ברכות שלא עשני גוי, שלא עשני עבד, זאגט דאך דער אריה"ק און דער מגן אברהם ברענגט עס ווייל ס'נישט איבערגעטוישט געווארן די נשמה, א בריאה מאכט מען נאר איינמאל פארוואס מאכט מען יעדען טאג די ברכה, נאר אז מ'שטייט אויף ציפרי איז מען א פרישע בריאה, ס'שטייט דאך אין מעבור יבק די אלע נבראים שבעולם פון איין יאר אויפן אנדערען איז אן אנדערער מהות, קאן מען פארשטיין אז דארכען שפלות הדור איז די בריאה בעצם נידעריגער ווי ס'איז געווען פריער, מ'ברויך מער סייעתא דשמיא, למענך בוראינו, **דער בוכ"ע באשאפט אונז כסדר, אז דער בוכ"ע האט אונז אויך ג'חשבון'ט מוז זיין אז יודן קאנען בייקומען, נאר מ'דארף האבן סייעתא דשמיא.**

## הושענא למענך בוראנו הושענא

**איצט** זאג מער גואלינו, דאס זאג מיר דאך אויך בלשון הוה, מ'ווערט אונז אויסלייזען דאס ווייסט מען אמאל, מ'איז נישט מסופק, מ'זאגט דאך גואלינו בתמידיות, אזוי ווי דער תולדות זאגט דאך ס'איז דא דריי ערליי גאולות, קודם ושמתי פדות בין עמי ובין עמך, דאס גלות פון גוים, דערנאך דעם איז דאס גלות פון יודן פדות שלח לעמו, און ווידעראים דעם גלות וואס מ'איז ביי זיך אליין אין גלות, מ'האט זיך נישט אין די האנט, מ'איז אין גלות אין די כוחות הגפניות, אין די רצוניות אין די תאוות, איז די ערשטע גלות פון גוים ושמתי פדות בין עמי ובין עמך, אזוי זאגט דער תולדות, דאס אנדערע גלות פון יודן איז פדות שלח לעמו ס'איז א שווערע גאולה, און דאס דריטע איז, כי עם ה' החסד והרבה "עמו" פדות, וואס מ'איז ביי זיך אליין, איבערדעם יעדער יוד אז ער וויל צו עפעס צוקומען, דארף מען ארויס פונעם גלות, וואס מ'איז ביי זיך אליין געפאנגען, בעט מען זיך צום באשעפער, גואלינו, די האלסט אונז אין איין אויסלייזען, **ווען נישט דאס וואס השי"ת האט געהאט**

KolSatmar.com

השגחה, העט זיך ווען נישט געטראפן קיין יוד וואס זאל נאך זאגן קריאת שמע, דורך דעם שפלות ווי מ'זעהט, אלעס איז סייעתא דשמיא, קען מען זיך אויסמאלען צו וואסערע מצב אונז זעמיר געקומען, מ'איז אין גלות בעו"ה אין דער גאנצער וועלט, אלעס איז דערקעגען, אלעס ברענגט נאר פארקערט פון דרך ה'.

בעוה"ר, מ'בארעכנט זיך גארנישט ווי מ'האלט, מ'האט פארשטעלטע אויגען, ווי האט מען דאס ווען געקענט אויסמאלען, געלויבט דער באשעפער שלא שם חלקינו בהם וגורלינו ככל המונם, מ'זאגט א כלל ביי ע"ז, איז געווען חלק אותם מעל העמים, קען מען זיך אויסמאלען, בעוה"ר אז די פריערדיגע דורות וואלטן דאס ווען געזעהן וואלטען זיי נישט געווען אויסגעהאלטען, אז פון יודן אליין קומט דער גרעסטער כח פונעם שמדיות, סיי וואס ס'איז נתברר געווארן ... בעוה"ר דאס רוב פונעם כלל ישראל איז אריינגעכאפט געווארן, זיי פרייען זיך מיט דער ע"ז, אין דאס האט א נאמען מלכות ישראל, פון דארט איז דער מקור פון שמדיות און ע"ז, און מ'פארשפרייט מינות מיט כפירה בעוה"ר, אין דורש ואין מבקש, מ'זאל זיך בארעכענען וויפיל משומדים און כופרים קומט ארויס יעדען טאג, יעדעס יאר, מיטען יודישען כח, דאס אלעס איז גורם דער עוון הדור, מ'העט זיך געדארפט בעטען ביים באשעפער, קיינער קען אונז נישט העלפן נאר איין באשעפער אין הימעל קען אונז העלפן, דער בוכ"ע זאל דערלייכטען די אויגען פאר יודישע קינדער, זיי זאלן זעהן דעם אמת, ס'זאל נאר נתפרסם ווערן קדושתו יתברך שמו, ס'איז אן אפענע זאך, מ'קען זעהן אינעם "סטאטיסטיק" ממש לכל הדעות, פינעף און ניינציג פראצענט זענען נתגדל לכפירה, אין ע"ז עקסטער איז דאך אויך דער יודישער כח, קען מען זיך אויסמאהלען וואס פאר א ניאוץ דאס איז פארן בוכ"ע, בעוה"ר אוי לנו שכך עלתה בימינו, אז יודן שומרי תורה זענען

KolSatmar.com

זיך משתתף אין דעם, מ'דארף נישט פארגעסען ווען מ'קומט זיך צאם צווישען יודן, מ'בעט ביים בוכ"ע רחמים אויפן כלל ישראל, דארף מען בעטען לאמיר נישט פארגעסען אין דעם זיך בעטען ביים באשעפער ער זאל אונז מציל זיין פון דער צרה, אז פון יודן זאל נאר ארויסקומען קדושה וטהרה, לא יאומן כי יסופר, ס'קומט נישט ארויס פון ערגעטץ אזא כח המינות מיט א כח ע"ז ווי פון דעם פלאץ וואס הייסט מלכות ישראל, וואלט דאס ווען געשעהן אינעם פריערדיגען דור העט מען נישט געקענט האבן קיין אריכות ימים, ווער וואלט דאס אויסגעהאלטען אין א פריערדיג דור, נאר בעוה"ר מ'האט זיך אין דעם ציגעוואוינט.

**דער** זיידע זכרונו לברכה דער ישמח משה, ווען ער האט געזאגט די לעצטע דרשה, גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם אז איך העט ווען געוויסט אליך יונגערמאן אז ס'עט אזוי לאנג דויערן ביז צו די גאולה עט איך נישט ווען געקענט ווערען קיין אלטער יוד, איך וואלט עס נישט געוועזן אויסגעהאלטען, נאר ער האט געזאגט רבונו של עולם, די האסט פארנארט אן אלטען נאַר, - ער האט עס געזאגט אויף זיך - נאר בעוה"ר דאס האט מען זיך שוין ציגעוויינט, אבער אזא מין צרה אזוי ווי מ'זעה מער אויס, מ'האט ווען געדארפט ליגען אויפן פנים אין אזא טאג און זיך בעטען ביים באשעפער, לאמיר נישט ארויס אהן א ישועה, קיינער קען אונז נישט העלפן נאר איין באשעפער אין הימעל, וואס קען מער אונז טון דאס ביסעל יודן מ'נעמט זיך אין אכט, מ'זאל זיך אמת'דיג אויסוויינען די הערצער פארן באשעפער העט מען געהאלפן געווארן, איבערדעם בעט מען זיך למענך גואלינו, מ'זאל פון זיך אליין אויסגעלייזט ווערען.

**כ'האב** געזאגט דעם סוכות טאקע ביי אושפיזא דיוסף, בתוך הדברים, בן פורת יוסף בן פורת עלי עין, אויף לקדקד נזיר

KolSatmar.com

אחיו זאגט רש״י שהפריש מאחיו, דאס איז דען א שבח אז ער איז געווען א נזיר אחיו, די גמרא זאגט שנואה לאה, זאגט אויך די גמרא ס׳נישט קיין שבח, מ׳פרעגט די קשיא לא סיפר הכתוב אפילו בגנות בהמה טמאה, ס׳הייסט א גנות, דער תרגום יונתן זאגט, ולקדקד נזיר אחיו טייטשט דער תרגום יונתן, אז ער איז געווען רב ושליט על מצרים ונזהר ביקרא דאחוהי, ווי ליגט דאס ערגעץ אין לקדקד נזיר אחיו, איך וועל נישט מאריך זיין, כ׳וועל זאגן בקיצור וואס כ׳האב געזאגט, ס׳איז געווען די רבותא טאקע אזוי ווי רש״י זאגט אז ער איז געווען א נזיר אחיו, יעקב אבינו האט דא געזאגט א שבח פון יוסף הצדיק ער איז געווען אזא נרדף, ביי די הייליגע שבטים צדיקים אמיתיים איז ער געווען א נרדף, דאס האט אזוי געברויכט זיין מן השמים, ווען ער איז געקומען צו די גרעסטע רשעים אין מקור ערות הארץ אין מצרים איז ער געווארן זייער גרויס, ער איז געווארן א מלך מיטען גרעסטען כבוד, וילקט יוסף את כל הכסף, האט ער געזאגט ער איז מעיד ס׳האט אים נישט פארפירט חלילה, דאס פארפירט דאך די אויגען, יעדער שוחד וואס מ׳איז משוחד, כי השוחד יעור און מ׳בלייבט א בלינדער, ווי די גמרא זאגט מ׳פארלירט די אויגען, ס׳איז א סמיות עינים איינער גוט געלט און דאס היילט אים די אויגען ספק יתרפא, און דא גוט ער אוועק פאר א דינר די אויגען, אזוי זאגט דאך די גמרא אין כתובות (דף ק״ה).

**זאגט** דער תרגום יונתן אז ער איז געווען א נרדף פון די ברידער, און די מצריים האבן אים גרויס געמאכט און ער איז נישט געווארן משוחד, ער איז געווען זהיר ביקרא דאחוהי, ער האט זיך נאר מדבק געווען אין ערליכע יודן אין צדיקים אין קדושים, ס׳איז ביי אים געווען מאוס און נמאס טומאת מצרים, איבערדעם בן פורת יוסף בן פורת עלי ״עין״ ער איז געבליבן ביים אויג, ס׳האט אים נישט מסמא עינים געווען, **בעוה״ר היינט איז א שוואך דור, פאר א ביסעלע תועלת באקומט מען א סמיות עינים, אז מ׳זעהט**

KolSatmar.com

ניש**ט דעם אמת,** און מ'זעהט נישט (להבחין צווישען) די מקורות הטומאה און די מקורות הקדושה וואס מ'האב מער פון די פריערדיגע דורות, דער בוכ"ע זאל העלפן מ'זאל אויסגעלייזט ווערען פון זיך אליין, איז עס לשון הוה, ממילא וועט נאכקומען די גאולה כלליות אז מ'עט אמת'דיג פארגעסען די אלע זאכען, וועט מען בעטען דעם באשעפער אויף די גאולה אמיתיות, וועט דער בוכ"ע דאך רחמנות האבן אויף יודן.

## הושענא למענך גואלנו הושענא

**למענך דורשינו,** ציון דורש אין לה מכלל דבעי דרישה ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה תמיד (ר"ה דף ל') ס'איז א דרישה, לכאורה וואס איז דער פשט דרישה, די ערד אליין זינדיגט דאך נישט, נאר דער בוכ"ע איז דורש די יושבין בתוכה, ס'איז א כלל גדול די ערד גייט דאך מיט מיט די וואס זענען יושבין בה, ווען מ'איז חלילה מטמא את הארץ דורך די אלע עבירות, ווי דער אלשיך הק' זאגט והארץ אזכור, דער בוכ"ע געדענקט די קפידה מן הארץ אז מ'זינדיגט בארץ אזוי טייטשען דער עקידה מיטען אלשיך וזכרתי את בריתי יעקב וגו', דערנאך והארץ אזכור, וואס מ'האט געזינדיגט קעגען ארץ, מצות התליות בארץ וכדומה, יעדער עון איז גורם, ולא תטמא את הארץ, איבערדעם מיט דרישת הארץ ווערען דאך נדרש די יושבין, איבערדעם אין דעם דורש אותה ווערען מיר דאך אונז אלע נדרש, אונז דארף מיר דורש זיין דרישת הארץ, דער ישמח משה זאגט, ציון דורש אין לה אז מ'זאל דרש'נען דאס ווארט ציון, ס'איז געווען ציון המצויינים במצוות, דארף מען וויסען ציון אין געווענד אין די מצויינים במצוות, מיט דעם טייטשט ער דורש אין לה, מ'דרש'נט נישט וואס מ'מיינט ציון.

**כ'האב** מזכיר געווען ערב יום הקדוש פאר כל נדרי, דאס וואס ווערט געברענגט אין פריערדיגע ספרים פון בעלי

KolSatmar.com

רוה"ק אמיתיים, אז תרס"ו איז געווען א קץ הגאולה, און ווייל ס'איז נישט געלונגען, שטייט דאך אין ישמח משה אז יעדער קץ קען חלילה נדחה ווערן דורך די חטאים, נאר דער לעצטער קץ איז דא וואס ער קען נישט נדחה ווערן, מיט דעם האב איך געזאגט אז לויטען חשבון וואס שטייט אין זוה"ק, דער ישמח משה ברענגט אויך דעם זוה"ק, אז יעדע זעכציג יאר אינעם זעכציגסטען יאר איז א התעוררות הגאולה, איז א יאר וואס איז מסוגל אויף די גאולה, אז מ'זעהט אין תרס"ו איז געווען א יאר פון די גאולה היינט האב מיר תשכ"ו איז פונקט זעכציג יאר, קומט אויס דער חשבון אז דאס יאר איז מסוגל מ'קען געהאלפן ווערען, מ'זאל נאר נישט פארפאסען די צייט, איך בין עס נאכאמאל מזכיר אין הושענא רבא, ס'איז א זמן וואס מ'איז מתפלל אויף כבוד ה' ותורתו הקדושה, מ'איז מתפלל אויף גאולתן של ישראל, לאמיר נישט פארפאסען דאס יאר, השי"ת זאל העלפן אז היינט איבער א יאר זאל מיר זיין מיטען אתרוג און מיטען לולב אין בית המקדש ! ושמחינו בבנינה, מ'זאל מיר מאכען די הקפות אין ביהמ"ק ! ווי לאנג נאך - ווי לאנג נאך ! דער בוכ"ע איז דורש אלעס אין זיין צייט, ס'שטייט אין זוה"ק משגיח מן החלונות, הקב"ה קוקט אריין אין די בתי כנסיות און די בתי מדרשות, ער קוקט ווי אזוי מ'דאווענט ווי אזוי מ'בעט זיך צום באשעפער, זאל מען נישט מיינען אז דאס אזוי גארנישט, דער בוכ"ע קוקט אויף אונז, תמיד עיני ה' אלקיך בה, אז מ'וואלט געוויסט ווי גרויס דאס איז . . . וואלט מען דאס אוודאי נישט אוועק געלאזט מיט גארנישט, נאר מ'האב מיר פארשמירטע אויגען . . . מ'זעה מיר נישט וואס עס טוט זיך אין הימעל, נאר גלייבען דארף מען דאך גלייבן וואס די חז"ל האבן אונז געזאגט.

הושענא למענך דורשנו הושענא

KolSatmar.com

**איבערדעם** זאגט מען דא למען אמיתך, אינאמת'ן ברויך מען ישועות בכל עת ובכל רגע, ווי לאנג מ'איז אין גלות ברויך מען אויך געהאלפן ווערן, שטייט ביי יצחק אבינו, אז ווען יעקב אבינו איז אוועק האט ער אים נאכאמאל געבענטשט זאגט דער מדרש מ'האט דאך אים שוין פריער געבענטשט, זאגט ער מ'האט אים געבענטשט א ברכת הגלות, ער איז געגאנגען אין גלות אריין האט ער אים געבענטשט א ברכת הגלות, אבער דער ברכת הגלות איז דאך נאר אויף דערווייל, מ'האפט דאך ארויס פונעם גלות, אמת הייסט א דבר המתקיים, מ'זאל מיר אזוי געהאלפן ווערן מ'זאל מיר זיך אויסבעטען די גאולה שלימה, דאס וועט זיין למען אמיתך, דאס איז דאס אמת'דיגע, א דבר המתקיים.

## הושענא למען אמיתך הושענא

**איצט** זאג מיר למען בריתך, עס שטייט דער רבינו תם זאגט זכות אבות תמה ברית אבות לא תמה, וואס איז ברית אבות, הקב"ה האט כורת ברית געווען, ס'שטייט אין מדרש איכה (בפתיחתא במד"ר) ביים חורבן איז אברהם אבינו געקומען אין בית המקדש ער האט געזעהן דאס חורבן, ער האט געבעטען ביים באשעפער, פארוואס האסטו אזוי מבייש געווען מיינע קינדער, האט דער באשעפער געענטפערט זיי האבן געזינדיגט, האט ער געזאגט לאז אויף זיי מגין זיין דער ברית מילה, האט הקב"ה געזאגט ברית קודש יעברו, לכאורה וואס עפעס איז ברית קודש יעברו, אז זיי האבן נישט מקיים געווען איז עס גארנישט געווען, זאגן זיי דאך פשט. ס'שטייט הפוגם בבריתו משוך בערלתו, דער בוכ"ע האט אים געזאגט זיי האבן פוגם בברית געווען, איז משוך בערלתו, לאמיר זיך באַרעכענען, ווי אזוי האלט מען מיט דער מדה, צו האט מען נישט פוגם געווען בבריתו, לאמיר זיך באַרעכענען ווי אזוי האט מען אנגעבראַכט די יארן מיט די טעג צו האט מען אפגעהיטענע

KolSatmar.com

אויגען, מיט אפגעהיטענע מחשבות, אין אזא צייט ווען יודן קומען זיך צונעזאם אין די בתי מדרשים, קומען זיך צונעזאם די אלע ניצוצין הקדושים און בעטען זיך זייט אונז מעלה! דער זיידע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגן ער זעהט זיי, אונז זעה מער גארנישט, אבער מ'גלייב מער, זיי שטייען און בעטען זיך בעט זייט אונז מעלה, מיט וואס קען מען זיי מעלה זיין, מיט אמת'דיגע טרערן, מ'זאל זיך אויסוויינען פארן באשעפער, מ'זאל אויף זיך מקבל זיין מ'זאל נישט קוקן ווי מ'דארף נישט, מ'זאל נישט אינזין האבן וואס מ'דארף נישט, מ'זאל זיך אפהיטען די מחשבות, און די דיבורים, ווי אזוי זעהט עס אויס, אז יודן קומען זיך צונעזאם אין אזא הייליגען טאג און מ'זאגט תפלות ותחנונים פאר הקב"ה די נציה"ק קומען אויך, און ווארטען מ'זאל זיי א טובה טון, חלילה אז מ'גייט ארויס מיט גארנישט, און ס'בלייבט דארט ווי ס'געבליבען, ווי אזוי זעהט מען אויס, אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה.

## הושענא למען בריתך הושענא

**איצט** זאגט מען למען גדלך ותפארתך, גדלך איז דאך ידוע דאס מיינט מען מדת החסד, רש"י זאגט (פ' דברים) אתה החלות להראות את עבדך את גדלך זו מדת טובך, כמ"ש את יד הגדולה דאס טייטשט דאך רש"י, נאר וואס איז דאס מקושר מיט תפארתך, תפילין ווערען דאך אנגערופן פאר, ווייטער זאגט מען דאך למען פארך, איך פלעג צו טייטשען, די גמרא זאגט וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך, אלו תפלין שבראש, מ'זעה מיר דאך בחוש, די אוה"ע שרעקען זיך גארנישט פארן תפילין של ראש, בעוה"ר זיי ווערען גארנישט בטל פארן תפילין שבראש, קען זיין ס'איז מרמז, תפילין דמארי עלמא מה כתיב בהו מי כעמך ישראל גוי אחד, ומי גוי גדול אשר לו אלקים וגו' דאס איז די בתים פון

KolSatmar.com

הקב"ה'ס תפילין, ווען דאס וועט נתגלה ווערן אז ס'איז טאקע מי כעמך ישראל גוי אחד, וועט זיין וראו כל עמי הארץ כי שם ה' וכו' אלו תפילין שבראש, דער ראש ווערט דאך אנגערופן דער בוכ"ע, ער איז דער ראש וראשון פון אלעם, וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך, ווען וועלן זיי זעהן, אלו תפלין שבראש, די תפילין שבראש מיינט מען תפילין דמארי עלמא, דער ראש כל העולם, ווען ס'וועט נתגלה ווערן וואס ס'שטייט אין די תפילין שבראש דעמאלץ וועט זיין וראו כל עמי הארץ, דאס איז למען גדלך פון די גרויסע חסדים וואס דער בוכ"ע וועט טון מיט יודן, וועט זיין ותפארתך, וועט נתגלה ווערן די תפילין פונעם בוכ"ע, תפילין פון מארי עלמא, דאס ווערט דאך אנגערופן פאר, ווייל דאס איז די שוינקייט, די גאנצע תכלית הבריאה, אלעס איז נאר פאר יודן'ס וועגען, בשביל התורה ובשביל ישראל אזוי ווי דער רמב"ן זאגט, פן יאמרו הארץ, וואס האב איך מורא די גוים וועלן זאגן, זאגט ער ווייל דער גאנצער תכלית הבריאה איז דאך נאר וואס ס'קאן ארויסקומען פון יודן.

## הושענא למען גדלך ותפארתך הושענא

**(הקפה ב')** מ'בעהט מער זיך והר יראה, ממ"נ אז ס'וועט זיין א גאולה, ס'עט זיין א ביהמ"ק, וועט יעדער זעהן, וואס האט מען פון זעהן (אליין) ס'איז דאך הא בהא תליא, מ'האט מתפלל געווען אויפן בית המקדש, אבן שתיה, בית הבחירה, גורן ארנן, דביר המוצנע, והר יראה קען זיין מ'האט פריער געזאגט דביר המוצנע, ס'איז באהאלטען, וואס מיינט מען דא מיט דעם, דער אמת פריער איז געווען צדיקים און קדושים, **דער ייטב לב ברענגט דאך, ער האט געהערט פון ישמח משה, ער האט געזעהן עין בעין ווי אליהו שטייט און איז מלובש מיט בגדי כהונה, און ער איז מקריב קרבנות פאר השי"ת, ער שטייט ביים מזבח, ס'איז געווען צדיקים וואס האבן געזעהן דאס בית המקדש של מעלה וואס**

KolSatmar.com

ס'ברויך אראפ צו קומען, זיי האבן עס געזעהן, בעוה"ר ס'איז אבער גרויס די הסתרה אין דורש ואין מבקש, מ'זעהט נישט און מ'הערט נישט, און ווי ביטער די הסתרה, דורך דעם זענען די כוחות אויך וויניגער, בעט מען זיך קודם הר יראה, זאל מען אבער זעהן די אמת'דיגע סימני הגאולה, ס'געוועזן יודן וואס זיי האבן געהערט פון זיידע זכרונו לברכה דעם ייטב לב, ס'איז געוועזן יודן וואס זיי האבן אליין געהערט, ער האט געזאגט ביי די הקפות, פרייד אייך יודן דער זיידע איז דא, זיי האבן נאך געהאט התקשרות מיט די אבות הקדושים וואס זענען דארט בעולם העליון, מ'האט געזעהן און מ'האט געהערט, איז מען נישט אזוי דערביטערט געוועזן, בעוה"ר מ'זעהט נישט און מ'הערט נישט, מ'ליגט אין שפלות הגלות, מ'איז זיך מחזק מיט די שטיקעלע אמונה, איבערדעם בעט מען זיך צום באשעפער, ס'איז דביר המוצנע, ס'איז אזוי באהאלטען אלעס אין די ביטערע הסתרה, זאל זיין והר יראה, מ'זאל עפעס זעהן פריער, אזוי פיל האב מיר א התחזקות צווישען יודן, לאמיר זיך אלע אינאיינעם מחזק זיין, מ'זאל זיך אמת'דיג אויסוויינען פארן לעבעדיגן באשעפער, לאמיר בעטען דעם בוכ"ע, די אלע נעמען ווייזען דאך אויף עפעס, מ'ווייסט נאר נישט אויף וואס.

## הושענא והר יראה הושענא

**(הקפה ג')** הושענא גולה וסורה, וואס איז טייטש גולה וסורה, אפילו מ'איז חלילה אין גלות אז מ'איז דבוק אין באשעפער איז מען ווייטער נישט אין גלות, נאר ווען מ'איז סר מן הדרך, מ'איז אין גלות און מ'גייט נאך נאכען כובד הגלות, מ'איז ויסורו מדרכי ה', דאס איז דאס רעכטע גלות, איבערדעם זאגט מען דא ביידע, ס'איז גולה וסורה, מ'איז אין גלות, מ'איז פארטריבען געווארן ממקום המקדש, און מ'איז טאקע אוועקגאנגען פונעם

KolSatmar.com

דרך, ווייל יודן זענען געווען אין ביהמ"ק, מ'האט גערינט דעם באשעפער באמת.

## הושענא גולה וסורה הושענא

**הושענא** ונחשבת כצאן טבחה, מ'זאגט ונחשבת, לשון חשיבות, אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, אז מ'איז דערביי מ'איז גרייט מיט מסירת נפש פאר די תורה הקדושה דאס איז דאס חשיבות, אין גלות וואס קען מען טון, אין לנו לא מקדש ולא כהן, נאר דאס אליין וואס מ'איז כצאן טבחה, דאס איז דאס חשיבות פון יודן, דורך דעם ווערט מען געהאלפן, אז מ'איז גרייט מיט מסירת נפש פארן בוכ"ע, דאס איז דאס חשיבות.

## הושענא ונחשבת כצאן טבחה הושענא

**מ'זאגט** דא יחידה ליחדך, א דאפעלט לשון, ס'שטייט (פסחים נ"ו) יעקב אבינו האט געקלערט לגלות הקץ ונסתלקה ממנו השכינה, טאמער איז דא חלילה עפעס צווישען זיי, אזוי ווי עשו אין אזוי ווי ישמעאל, האבן זיי געענטפערט שמע ישראל וגו' ה' אחד, כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבינו אלא אחד, וואס עפעס כשם, איז דען פארהאנדען צוויי ערליי אחדות, אין בלבינו אחד אין ביידע, נאר וואזשע דען, יעקב אבינו האט נישט חלילה חושד געווען די קינדער ח"ו אז זיי זענען אוועק פון דרך השם, ער האט געקלערט ס'איז עפעס אריינגעמישט, מ'איז טאקע מייחד דעם בוכ"ע, נאר עפעס אין די מחשבה איז דא אנדערע אויכעט, דער בעל דבר כאפט זיך אריין, ווי כ'האב געזאגט מ"ש מיום שחרב ביהמ"ק אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה "בלבד", ס'איז אין לו להקב"ה אלא ד' אמות של הלכה, פארוואס דארף מען צו זאגן בלבד, ס'איז דאך נאר דאס, נאר וואס דען ער זאגט ד' אמות של הלכה בלבד, אז ס'איז נישט נאר דאס, ס'איז טאקע נישט

KolSatmar.com

אריינגעמישט פון דרך העמים קיין התחדשות, איבערדעם האבן זיי געזאגט, ממילא דאס איז א פשיטא זיי האבן מייחד געווען דעם באשעפער, נאר ס'טאקע אין דער בחינה אזוי ווי ביי דיר, כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבינו אלא אחד, ס'איז נישט חלילה אויסגעמישט, ביים בית ראשון האבן זיי געדינט מיט מסירת נפש דעם באשעפער, און מ'איז געכאפט געווען אין ע"ז, מיט תירוצים, האבן זיי איבער געגעבען, אז מ'איז מייחד השם, אז מ'קוקט גוט אריין איז עס נישט קיין יחידות, ס'איז אין דעם אויך אריינגעמישט אנדערע מחשבות, אנדערע געדאנקען, איבערדעם זאגט מען יחידה ליחדך, דער יחוד זאל זיין טאקע א יחוד גמור, נישט אריינגעמישט קיין אנדערע פניות און אנדערע מחשבות.

## הושענא יחידה ליחדך הושענא

**(הקפה ד')**, מ'זאגט דא יבול להשפיע, ונתנה הארץ את יבולה וואס מ'זייעט, דאס וואס מ'זייעט ווערט אנגערופן יבול, דארף מען האבן סייעתא דשמיא אז ס'זאל וואקסען, דאס אלעס גייט דאך א משל אויף רוחניות אויך, **אז מ'זייעט אן וואקסט דערנאך, וואס איז דאס זייען, אור "זרוע" לצדיק, מ'זייעט אן תפלות ותחנונים, מיט אמת'דיגע טרערן פארן בוכ"ע, מיט אמת'דיגע דיבורים, מיט קבלת עול מלכות שמים, דאס איז די זריעה, פון דעם וואקסט ארויס דערנאך דעם אלע השפעות טובות**, אונז ברויך מער א ישועה אז דעם זאמען זאל מען אונז אויך משפיע זיין, בעוה"ר מ'קען מיר נישט אנזייען, ס'איז נישט דא דער כח הזריעה, ס'איז נתגשם די לבבות, דער בוכ"ע זאל אונז העלפן, אונז זעמער דא היינט אין דעם טאג הושענא רבא, ער זאל אונז צוהעלפן מ'זאל עפעס אנזייען, מ'זאל זעהן פון דעם זאמען, מ'זעהט עס דערנאך א גאנץ יאר, דער בוכ"ע זאל אונז משפיע זיין דעם זאמען, זאל מיר די זכיה האבן מ'זאל זיך מתאמץ זיין, **הקב"ה איז**

KolSatmar.com

סופר ומניח בבית גנזיו, יעדען דיבור וואס מ'זאגט א דבר אמת, מיט א אמת'דיגע טרער פארן בוכ"ע און די אלע תפלות ותחנונים, דער בוכ"ע זאל אונז נאך העלפן, מ'האב מיר נאך צייט, דער היינטיגער טאג אין אזא קארצע צייט וואס מ'האב מער נאך, די שעות קטנות וואס מ'האב מער נאך ביז נאכט, ס'האט נישט קיין שיעור מיט קיין ערך וואס מ'קען נאך אויפטיען, מורי ורבותי! לאמיר זיך בארעכענען ווילאנג מ'זעמיר נאך אין דעם טאג, מ'זאל זיך מחזק זיין.

## הושענא יבול להשפיע הושענא

(הקפה ה') הושענא חידוש פני אדמה, די אלע מאמרים גייען אלץ ארויף אויף די אויבערשטע מראה, הוד להבל דמה, דמות וצלם ורקמה, ונמשל כבהמות נדמה, ס'שטייט דאך אין מדרש, אז די עוונות פון א מענטש ליגען אויפן פנים, ווער ס'איז א מבין דער דערקענט עס, ממילא אונז זעמיר נישט קיין מבינים, ס'איז אן אנדער פנים, אז מ'איז זיך מקדש ומטהר ליגען אויפן פנים די כח פון מצוות, ס'שטייט ער האט איבערגעגעבען פאר יוסף הצדיק שהיה זיו איקונין שלו דומה ליע"א, איבערדעם האט ער אים איבערגעגעבען אלע חכמות, אלעס דערקענט זיך אויפן פנים, איבערדעם זאגט מען דא די אלע מאמרים, דאס ווייזט אלעס אויף אן אנדערען, דער פנים איז פארשמירט, ווי אזוי שטעלט מען זיך צום באשעפער מיט א פארשמירט פנים, דער בוכ"ע זעהט דאך אלעס, ווי אזוי שטעלט מען זיך זאגן דיבורים פארן אייבירשטען ווען מ'זעהט אזוי אויס, נאר מ'בעט זיך ביים בוכ"ע חידוש פני אדמה, ס'זאל נתחדש ווערען, חדש ימינו כקדם אזוי ווי איידער מ'האט געזינדיגט, טאקע די אדמה וואס מ'איז באשאפן געווארן עפר מאדמה, מתחילת הבריאה האט מען אן אנדער פנים געהאט, דער כח האדמה האט אויך אנדערש אויסגעזעהן אויף דעם בעט מען

KolSatmar.com

זיך אין אזא טאג מ'זאל די זכיה האבן מ'זאל זיך אפוואשען פון די עוונות, מ'זאל באקומען און מ'זאל האבן א שטיקעל פנים, כי באלו פנים נשפך שיח.

## הושענא חידוש פני אדמה הושענא

(הקפה ו') זאגט מען כרם מתולעת - די גאנצע הקפה בפשטות גייט ארויף אויף די שפע, דורך דעם חטא דאס נעמט דאך צו די שפע פון כלל ישראל, עקסטער דעם איז דא די שפע רוחניות, די אלע ענינים ווייזען דאך אויף השפעה רוחניות, דורך דעם חטא פון דער מדה פון די זעקסטע הקפה, ווערט ציגענומען די גאנצע שפע רוחניות, דורך דעם קען מען נישט צוקומען צו גארנישט, דער יוד וואס ער וויל צוקומען, ער וואלט געוואלט זיין א יוד, ער האט געוואלט לעולם דאווענען, אינזין האבן דעם באשעפער, נאר דער חטא פארשטעלט דאך, די אלע ענינים ממשכלת מגזם ומדלקת וכו' דאס איז אלעס גרויסע זאכען כרם מתולעת, א תולעה קען זיין גאר קליין די קלענסטע באשעפעניש, און דאס קאן מאכען א לעכעלע און דאס מאכט חרוב אלעס, ס'הייבט זיך אן מיט קלייניקייטען ווען מ'איז נישט נזהר, אז מ'איז נישט אפגעהיטען אין דער התחלה, ס'כאפט זיך אריין אזוי ווי א ווערמעל, אין מ'ווערט שוין איגגאנצען ווערעמדיג, איבערדעם איז מען מתפלל צו השי"ת אז מ'זאל אפגעהיטען ווערען, אפילו בעוה"ר מ'איז שוין ארייגעפאלען זאל מען נאך תשובה טון פארן בוכ"ע, און זיך בעטען אויף ווייטער, השי"ת זאל העלפן מ'זאל האבן א גוט יאר, מ'זאל קענען דינען דעם באשעפער בקדושה וטהרה, מ'זאל מיר ארויסגיין פון דעם טאג נישט אזוי ווי פאריאר.

## הושענא כרם מתולעת הושענא

KolSatmar.com

**(הקפה ז׳)** הושענא למען איתן הנזרק בלהב אש - וואס איז דער בלהב, למען איתן הנזרק באש, אין פייער, וואס איז דער בלהב, נאר וואס דען, ווען דער כהן גדול איז געגאנגען צו דער עבודה האט מען געזאגט די לפני מי אתה נכנס, למקום אש להבת שלהבת, טאקע אין די עולמות עליונים, אין קדשי קדשים, מקדש ומטהר געווען אין א מקום להבת, אזוי א"א איז נישט פשוט געגאנגען אין פייער, ער האט זיך געלאזט פארברענען אויך מיט אזא קדושה וטהרה, ער איז געגאנגען אין די עולמות עליונים למקום אש להבת, נישט נאר אין דעם אינטערשטען פייער, ער האט זיך מקדש ומטהר געווען כשרפי מעלה, ער זאגט, דער נזר הקודש, יעקב אשר פדה את אברהם, פארוואס ער נישט אליין אן דעם, נאר וואס דען, ביי אים איז עס געווען א גרויסע עבודה, ער האט נישט געוואלט ניצול ווערען, ער זאל זיך מציל זיין און ארויפגיין, נאר וואס דען, ער האט אבער געברויכט אראפ צו ברענגען נאך יעקב אבינו'ן, האט ער געמוזט צוריק קומען דא בלייבען, יעקב אשר פדה את אברהם, ער האט געמוזט נאר אהערשטעלען דעם כלל ישראל, איבערדעם זאגט מען אפילו ביי אים איז דאך דער נסיון דאס דא בלייבען, ווייל ער איז אריינגעגאנגען אויף דעם אש להבת שלהבת, און ער האט געמוזט צוריקקומען איבערדעם אז ער זאל מעמיד זיין זרע ישראל, אז דער בוכ"ע זאל העלפן מ'זאל מיר האבן א קיום דאס איז געווען דער גאנצער כח, דער אייבירשטער זאל העלפן מ'זאל זיך קענען דערהאלטען, מ'זאל שפירען א טעם אין דער קדושה.

## הושענא למען איתן הנזרק בלהב אש הושענא

**איצט** זאגט מען למען גבור הנאבק עם שר אש, יעקב אבינו האט מלחמה געהאלטן מיטען ס"מ, דער אמת איז אז יעדער האט די מלחמה אויף אן אנדערן אופן, אויפן קלענערען, די גמרא זאגט ביים יצה"ר, חזי דאנא בשרא ואת נורא, יעדער האט די מלחמה,

KolSatmar.com

דער בורא עולם זאל העלפן מ'זאל קענען בייקומען, מ'זאל זיין א כובש את יצרו, יעקב אבינו האט דאך בתכלית, די שטארקסטע מלחמה וואס איז נאר פארהאנדען אין כח אנושי איז יעקב אבינו בייגעקומען, בעהט מען זיך דער זכות זאל בלייבען, און אונז זאל מער אויך קענען בייקומען, מ'האלט מיר שוין דא ביי די לעצטע הקפה, מ'גייט שוין באלד אהיים, מיט וואס גיי מער אהיים, מ'וועל מיר צוריק אריינפאלען אין מלחמת היצר, מ'וועט זיין א נאבק עם שר אש.

הושענא למען גבור הנאבק עם שר אש הושענא

KolSatmar.com